RADOMER KIELCER LEBEN „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem" פרייז 25 גראשען פרייטאג

הײַנט 10 זײַטן.

אדרעס
פון „ראדאמער-קעלצער לעבן"

Redakcja i Administracja
„Radomer Kielcer Leben"
Radom, Szwarlikowska 20.

*Oddział w Kielcach.*

**אַנאָנסען פּרייז!**
איין מילימעטער שורה: פאר'ן טעקסט 20 גר.
" " " אין " 40 "
" " " נאָכ'ן " 18 "
די ערשטע זייט צונהאלב 8 שפאַלטען
אין טעקסט און לעצטע זייט 4 "

# ראדאמער-קעלצער לעבן

ראדאם פרייטאג ו' ניסן תרפ"ז פאר'ן אינהאלט פון טעקסט אין די אַנאָנסען איז די רעדאַקציע נישט פעראנטוואָרטליך 8-go kwietnia 1927 r.

צו דער פערלאָבונג פון מיין ליבע טאָכטער
עלקע קאַרמאַן
מיט ה'
שמחה נייִמאַן
ווינש איך פיעל גליק.
רייזעל קאַרמאַן.

עלקע קאַרמאַן שמחה נייִמאַן
## ═ פערלאבט ═
ראַדאָם 4 קוויעטשען 1927.

צו דער פערלאָבונג פון מיין ליבען זוהן און ברודער
שמחה מיט פרל' עלקע קאַרמאַן
וואונשען מיר די הארציגסטע ברכות, זאָל איער פאראייניגונג
אייך אייביגע צופרידענהייט ברענגען.
מוטער **דינה** און ברודער **הערשיל נייִמאַן.**

א הארציגען מזל-טוב וואונשען מיר אונזער ליבען ברודער און
שוואָגער **ש מ ח ה** צו זיין פערלאָבונג מיט פרל'
**ע ל ק ע ק אַ ר מ אַ ן,**
זאָל מזל און ברכה זייער לעבענס-וועג באגלייטען.
**ברוך נייִמאַן** עם פרוי און קינדער.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ליבען ברודער און שוואָגער
שמחה מיט פרל' עלקע קאַרמאַן
וואונשען מיר א הארציגען מזל-טוב. זאָל זייער נייער לעבענס
וועג זיין בעלויכטען מיט שטראַלען פון א גליקליכע צוקונפט.
**יוסל נייִמאַן** עם פרוי און קינדער.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ליבען ברודער און שוואָגער
שמחה מיט פ-ל' עלקע קאַרמאַן וואונשען מיר א גליקליכע
צוקונפט און א איבערנעמען עפאָכע אין זייער נייעם לעבענס-וועג.
**י ה ו ש י ע נ י י מ אַ ן**
עם פרוי און קינדער.

מזל-טוב און פיל גליק וואונשען מיר אונזער ליבען ברודער
און שוואָגער **שמחה** צו זיין פערלאָבונג מיט פרל'
**עלקע קאַרמאַן.** דעם יונגען פאָרל וואונשען מיר זייער
זיווג-הזוג זאָל האָבען פארגעקומען בשעה מצלחת און די
ליבע מוטער זאָל פון זיי פיל נחת דערלעבען.
**משה צוקער** עם פרוי און **קינדער** גריצע.

צו דער פערלאָבונג פון אונזערע טרייע שוועסטער און שוואָגערין
עלקע מיט ה' **שמחה נייִמאַן** ווינשען מיר אונזער ליבע
מוטער און שוויגער פיעל נחת און דעם יונגען פאָרל פיעל
גליק און אייביגע צופרידענהייט.
**מאָטיל, חאנטשע, חיי'**
**און חיים קאַרמאַן.**

צו דער פערלאָבונג פון אונזער טרייע און געליבטע
שוועסטער און שוועגערין
**עלקע קארמאַן** מיט ה' **שמחה נייִמאַן**
ווינשען מיר פיעל גליק און צופרידענהייט.
**שלמה** עם **הינדזיא** קאָנער


## אויף פסח


קויפט נור
# „כרמל"
## ווייך און קאניאק
**„כרמל"-וויין** און קאָניאַק איז **כשר לפסח**
אפילו למהדרין מן המהדרין.
**„כרמל"-וויין** און קאָניאַק איז בעסער פאר די טייערסטע אויס-לענדישע ווייַנען און קאָניאַקען.
**זוכט נאָך אויפ'ן עטיקעט די שוץ-מאַרקע:**
2 מרגלים טראָגען דעם אשכול. אָהן דעם איז עס נישט קיין „כרמל".



# JASNEJ SŁOŃCA
## NAJLEPSZA ZAPRAWA DO PODŁOG
פרישט אָב פאָטאדזקעס, לינאלעאום און פאַרבט אין פערלויף פון איין שעה, ווייסע פאָדלאָגעס אויף רויט אָדער טונקעל-ארזשעך.


צו דער חתונה פון אונזער קוזין
**יעקב אבראמזאָהן**
מיט פרל' **שרה'לע ווייס** (חיפה)
גראטולירען מיר הערצליך
און ווינשען די עלטערן
פיל נחת.
**לאה'טשע** און **מאיר**
**ה ע ר ץ.**

צו דער האָכצייט פון מיין ליבען קוזין
**יעקב אבראמזאָהן**
מיט פר'ל **שרה'לע ווייס** (ארץ-ישראל)
ווינש איך זיי אייביגע צופרידענהייט
און די עלטערן פיל נחת.
**דוד סאָנקעוויטש.**

צו דער פערלאָבונג פון אונזער
שוועסטער און שוועגערין פר"ל
**עלקע קארמאַן** מיט ה' **שמחה נייִמאַן**
וואונשען מיר א הארציגען ברכת מזל-
טוב, א גליקליך הארמאָנישע צוזאמענ-
לעבען און שטענדיגעס צופרידענהייט.
**שוועסטער** און **שוואָגער**
קיעלץ. **כ א ר נ ד א ר ף.**

צו דער האָכצייט פון ה'
**ע. ? פ אָ ט אָ ו ס ק י**
מיט פר"ל **ס. ל. ש נ יי ע ר**
וואונש איך גליק און א הערליכע
צוקונפט.
**ב. מאַנדעלבוים.**

א הארציגען מזל טוב דער פר"ל
**העלאַ קלייַנבערג** (סאָסנאָוויץ)
צו איהר פערלאָבונג מיט
**ד"ר יאַן גאָלדשטיין** (קעלץ).
**ש. בענעט.**
וואַרשא. אדר ב' תרפ"ז.

מז"ט
וואונש דער קאָמיטעט פון דער תלמוד
תורה סקארישאָווער 24 דעם זעהר
בעליבטען קאסירער פון דער ת"ת ה'
**בנימין לאַנדוי** צו דער האָכצייט פון
זיין זוהן **יעקב** וואָס איז פאָרגעקומען
זונטאג פ' תזריע.
**דער קאָמיטעט** און דאָס **פערסאָנאַל**
**פון דער ת"ת** אויף סקארישאָווער גאַס.

צו דער חתונה פון
**ח יי ט ש ע ר יי ש ע ר**
מיט **מ אָ ט ל ש ר יי ב ע ר**
די הארציגסטע וואונשען.
קעלץ. פאמיליע **קירשענבוים.**


## PŁYN
## JASNEJ SŁOŃCA
רייניגט אם-בעסטען שויבען,
מעטאלען, שפיג-
לען און מארמאָר.
SPRÓBUJCIE A PRZEKONACIE SIĘ

# איבעריג... )(

### פון ד"ר א. מוקדוני.

צו גרינבוים'ס „היסטארישען ווארט" וועגען „איבעריגען מיליאן", נעמט איצט א שטעלונג ד"ר א. מוקדוני, וועלכער שרייבט:

פוילען האט א מיליאן איבעריגע יודען.

פארהאן מסתמא זעהר ארימע פאליאקען, פארהאן מסתמא זעהר פיל ארבייטסלאזע פאליאקען, פארהאן זעהר פיל פאליאקען, וואס וואנדערן אויס פון פוילען אין אנדערע לענדער, אבער קיינער האט נישט גענומען קיין בלייש-טיפט אין האנד און האט נישט אויסגע'חשבון'ט וויפיל פאליאקען איבעריגע עס זענען דא אין פוילען.

ווען א פאליאק איז ארבייטסלאז, ווען א פאליאק פערלאזט זיין היימלאנד וועט קיינער איהם נישט אנקלעבען א צעטעל מיט'ן אויפשריפט „אן'איבעריגער".

עס איז א שרעקליך ווארט.

מען טאר עס אין מויל נישט ארויסרעדען.

אין דער ארימסטער פאמיליע זענען קיין איבעריגע קינדער נישטא, דאס ארים שטיקעל ברויט ווערט געטיילט צווישען אלעמען, אין דער ענגער דירה האבען אלע וואו צוצושפארען דעם קאפ, אין „א געזינד זאלבע אכט מיט בעטען נאר צוויי" שלאפט מען צוזאמען מיט הענטלעך אין פיסלעך געפלאכ-טענע.

נישטא קיין איבעריגע!

איבעריגע, דאס איז דאס בייזסטע ווארט.

צעהלט מען שוין, חשבונ'ט מען שוין די איבעריגע יודען אין פוילען, קאן מען זיך נישט אפשטעלען ביים היינט; היינט זענען דא א מיליאן איבעריגע, אין צעהן יאהר ארום וועלען שוין זיין צוויי מיליאן איבעריגע און אין צוואנציג יאהר ארום וועלען שוין זיין דריי מיליאן איבעריגע.

די איבעריגע וועלען זיך אליין מעה-רען און פרוכטערן און די פאליאקען וועלען זיך מעהרען און פרוכטערן און מיט יעדען צוגעקומענעם פאליאק וועט א יוד ווערען איבריג און אזוי ארום וועט פוילען פערפלייצט ווערען פון מיליאנען איבעריגע יודען.

און קיין מיטלען, מיט וועלכע מען זאל קענען אבציהען אין אנדערע, פריי-ערע לענדער די מיליאנען איבעריגע, זענען נישטא.

---

פוילען איז אן'ארים לאנד און איז דערצו שטארק איבערגעפעלקערט.

זי ווערט געקוועהלט פון ענגשאפט.

דאס וועט קיינער נישט לייקענען.

אבער אין ענגשאפט קען מען נישט זאגען צו א מיליאן יודען: רוקט זיך אפ אין מאכט אונז גרוימער.

האבען אבער די פוילישע אנטיסע-מיטען אנגעהויבען שרייען, אז יודען מאכען זיי ענג. אז א מיליאן יודען מוזען זיך אפרוקען און מאכען זיי גרוים.

אין יודען האבען גלייך גענומען א בליישטיפט אין האנד אין האבען אויס-גערעכענט און אויסגעפונען, אז עס איז טאקע אמת, א גאנצער מיליאן יודען זענען דא איבעריגע.

א ווארשאווער יוד א פערגעטערער פון פוילישער נאבעלקייט האט אמאל געזאגט: ווען איך וועל בעגעגענען צוויי ארימע לייט, א פוילישען און א יודי-שען אין איך וועל האבען בלויז איין קאפיקע אין קעשענע וועל איך די קא-פיקע אפגעבען דעם פוילישען ארימען, ווייל איך בין זיכער, אז דער נאבעלער


# פאטאקאל.

מיר בעשיינען היערמיט אן די גע-ברידער פאטאק אינטער די פירמא

## „י. ד. פאטאק זעהנע"

אין מאלאבאנדז נעבען בענדין, אז די קאקוספוטער פון קאקוסניסע וואס ווערט אויסגעארבייט אין זייער פאבריק אין מא-לאבאנדז מיט דעם נאמען „פאטאקאל" ווערט געמאכט בהכשר גמור על חג הפסח




הכהן לעווין
בענדין
והגליל

על צד היותר טוב אונטער אונזער אויפ-זיכט און די פוטער מעגען עסען אפילו היראים והחרדים און צו בענוצען אי צו פלייש אי צו מילכיגע מאכלים אהנע שום נאכדענקונג. אויף יעדען פאקעט בעפינ-דעט זיך א שטעמפעל כשר לפסח בהשגחת הרב והבד"צ דבענדין.

ובע"ה אור ה' תשא תרפ"ז בענדין.

**חנוך צבי הכהן לעווין** אב"ד דפה
**יהושע** דומ"צ
**דן יצחק** דומ"צ
**חנוך דוד** סג"ל דומ"צ
**יצחק אייזיק** דומ"צ


# פון די ראדאמער מעשה'לעך.

## אז מ'שיקט א קאץ נאך סמעטענע...

פערפאלען, ליבע לעווער, זאגט די וועלט א ווערטיל, איז עס קודש קדשים! און אז אך און ווי איז צו דעם חכם אדער חכמה, וועלכע לאכען זיך אויס פון דער וועלט און טוען ווי זייער „קלוגער" שכל דיקטירט זיי.

די וועלט, למשל, זאגט, „אז קיין קאץ טאר מען נישט שיקען נאך קיין סמעטענע", און זאל אדרבא אימיצער פרובירען און עובר זיין אויף דעם דאזיגען בפירוש לאו—וועט ער האבען דעם זעלבען סוף, וואס עס האט גע-ביך, געהאט א היגע פריילין, וועמענס נאמען מיר ווילע נישט פערעפענטליכען פשוט דערפאר, ווייל זי איז שוין אזוי אויך גענוג געשטראפט געווארען פון גאט, און טאקי צוליב דעם, וואס זי האט געוואלט זיין קליגער פאר דער וועלט און זיך נישט רעכענען מיטן אויבענדערמאנטען ווערטיל.

די דאזיגע פריילין, פון וועלכע טאטע-מאמע האבען שוין לאנג געמעגט „נחת האבען" און וועלכע איז אגב נישט קיין ארימע, האט די גאנצע צייט בשום אופן נישט געקאנט צוקלויבען זיך א פאסענדיגען זיווג, עס זאל איהר זיין — ווי מ'זאגט — „צום הארצען". פון די הוצאות אליין, וואס זי האט אומזימט-אומנישט געשטרט אין געיעג נאך חתנים, אויספאהרענדיג א וועלט, האט מען געקענט חתונה מאכען א א-רימע כלה.

און עפיס א פינסטערען מזל האט זי געהאט צו די חתנים, מיט וועלכע זי האט דאך זיך געזעהן: איז א צווייטער געבילדעט — איז ער נישט שיין; איז א דריטער שיין און געבילדעט — איז ער א קבצן לא עליכם. און אז גאט העלפט, אז זי פאקט שוין מיט מזל א העכט, וואס האט אין זיך אלע מעלות צוזאמען ווי שיינקייט, בילדונג און רייכטום — האט ער אבער אזא חסרון, וואס ס'איז א הרפה צו דערציילען פאר לייטען: ער איז א געוואלדיגער עקשן, און זיין גאנצע עקשנות באשטייט אין דעם, וואס ער וויל איהר נישט — זאגט ער — און טוט איהם עפעס!..

אבער אינזער פריילין פלעגט פון איהרע דורכפאלען דאך נישט זיין ביי זיך געפאלען און — ווייטער זוכען! און אז מ'זוכט — געפינט מען. האט זי טאקי אויף איינע פון איהרע לעצטע באגעגענישען געפינען א חתן, א יונ-געמאן פון קעלץ מיט אלע מע"ות: יונג, שיין, געראטען, מיט איין ווארט-- א צאצקע א יונגערמאן! און דער עיקר ער איז נישט אזא עקשן, דאס הייסט ער קווינקעלט זיך אפילו אביסעלע צו, נאר עס גייט אין א קלייניגקייט; סך הכל אין עטליכע הונדערט דאלאר.

זענען געפלויגען דעפעשען און בריף פון ראדאם קיין קעלץ און פון קעלץ קיין ראדאם און מ'איז, לסוף דורכגעקומען, אז אויף דינסטאג זאל דער חתן קומען קיין ראדאם, וואו מ'וועט מיט מזל תנאים שרייבען, אין וואס אנבעלאנגט די עטליכע הונדערט דאלאר וועט מען שוין ווי עס איז אנ-עצה געבען. הכלל די פריילין איז געווען זי אין זיבעטען הימעל פון גליק! אין

# וואס הערט זיך אין ראדאם.

## אינערן-מיניסטער סקלאדקאווסקי אין ראדאם.

היינטיגען מאנטאג ביינאכט 2 א זייגער איז מיט א אויטא אנגעקומען קיין ראדאם דער אינערן-מיניסטער ה׳ סלאוואוי סקלאדקאווסקי. אריינפאהרענדיג אין שטאדט האט דער אויטא פערגרעסערד אין א גרויסע מאס די עלעקטרישע קראפט פון רעפלעקטאר, וואס איז מיט די פערקעהר-פארשריפטען פערבאטען. געטוהן איז דאס געווארען מיט דער כונה, וואס מיניסטער סקלאדקאווסקי האט געוואלט אויספראבירען, צי דאס וועט צו ציהען די אויפמערקזאמקייט פון די פאליציי-וואכען און צי זיי היטען פינקטליך אב די דערמאנטע פארשריפטען. די פראב פון מיניסטער האט בעוויזען, אז די ראדאמער פאליציי האט א גענוגענדע רוטין אויפן דאזיגען געביט. און דער אויטא איז טאקי צוליב דעם טעם אבגעשטעלט געווארען אין זיין שנעלען פאהרען פינם דיזשורירענדען פאליציי-פאסטערונעק אויף דער לובלינער גאס. די ערקלערונג פון די אין-אויטא-זיצענדע פאסאזשירען, אז זיי בעניצען די צו-שטארקע ליכט צוליב דעם, וואס אויף די וועגען איז זעהר פינסטער, האט דער פאליציאנט נישט אנגענומען פאר קיין תירוץ און וויטער געפאדערט צו פערקלענערן די ליכטיגקייט פון רעפלעקטאר. דאן האט זיך איינער פון די פאסאזשירען פארגעשטעלט פאר מיניסטער סקלאדקאווסקי און גלייכצייטיג פעראָרדענט צו מעלדען דעם ה׳ סטאראסטא; דעם פאליציי-קאמענדאנט און דעם קרייז-דאקטאר, אז זיי זאלען זיך פארשטעלען פאר איהם אין די פריה אין האטעל „זשימסקי״, וואוהין דער אויטא איז טאקע פערפאהרען

צו דער בעשטימטער צייט האבען זיך די פארשטעהער פון דער ארטיגער מאכט פארגעשטעלט פאר׳ן מיניסטער און זיי זענען אוועק אין קאמיסאריאט. אויפ׳ן פערלאנג פון מיניסטער סקלאדקאווסקי האט זיך געמעלדעט דער זעלבער פאליציאנט, וואס האט ביינאכט פערהאלטען דעם אויטא. און דער מיניסטער האט איהם געשאנקען 50 זלאטעס פאר צופאסען זיך פינקטליך צו די הערשענדע פארשריפטען. פון קאמיסאריאט זענען זיי אוועק בעקוקען דעם סאניטארען צושטאנד פון שטאדט. דער מיניסטער האט בעזוכט די האטעלען: אייראפעיסקי, כאנדאניפרסקי און זשימסקי, די ערשטע צוויי האבען נישט ענטשפראכען די סאניטארע בעדינגונגען, דאגעגען האט דער פערוואלטער פון האטעל זשימסקי בעקומען א דאנק פאר דער מוסטערהאפטער ארדנונג אין דער סטרוזש פאר אבהיטען דעם סאניטארען צושטאנד פון הויף האט בעקומען 50 זלאטעס.

דער מיניסטער האט ארויסגעגעבען א רייהע פעראָרדנונגען. צווישען אנדערעס האט ער פעראָרדענט, אז אין משך פון א חודש מוזען 10 הייזער פון שטאדט—לויט דעם איינזעהן פון די ארטיגע מאכט—ווערען רעמאנטירט, און די פאליציי זאל אכטונג געבען, דאס אויף יעדען הויף זאלען די מיסטקאסטענס זיין ווי געהעריג צוגעדעקט.

דינסטאג האלב צעהן פריה איז דער מיניסטער אבגעפאהרען אין דער ריכטונג פון ווארשא.

דעם מיניסטער האבען בעגלייט דער שעף פון דער קאנצעלאריע פונ׳ם אינער׳ן-מיניסטעריום, א דאקטאר און צוויי סעקרעטארען.

* * *

אין צוזאמענהאנג מיט דער לעצטער פעראָרדנונג פון מיניסטער סקלאדקאווסקי האט די היגע פאליציי פעראָרדענט אלע הויז-ווירטען, אז ביז׳ן קומענדיגען מאנטאג מוזען אלע מיסט-קאסטענס אין די הויפען זיין פערזעהן מיט געהעריגע דעקען. אויך די לאקאטארען מוזען האבען השגחה אויף דער ריינקייט פון די הויפען און שטיגען. פאר עובר זיין דראהט א געלד-שטראף און אונבעדינגטער ארעסט.

## פאר וואס אינטערוועניערן נישט די יודישע פארשטעהער?

מיר האבען שוין איינמאהל אויפמערקזאם געמאכט אויף דער שרעקליכער לאגע, אין וועלכער עס געפונען זיך די יודישע איינוואהנער פון דער פאדוואלניא גאס צוליב דער קאנאליזאציע אויסגראבונגען, וועלכע האבען כמעט פולקאם פערשלאסען דעם צוגאנג אויף יענער גאס. מיט יעדען טאג ווערט דארט די לאגע ערגער און די „אולען״ פיהלט נישט פאר איהר עלעמענטארען חוב דורכצושלאגען א וועג פאר די דארטיגע יודישע איינוואהנער. די יודישע געזעלבער פון יענער גאס לײדען היזקות און קענען נישט לייזען. מחמת עס ווערט פיל בעשווערט די קינים צוגעהן קויפען אין די דערמאנטע געוועלבער. עס לײדען אויך דאדורך זעהר פיעל די יודישע מארק-שטעהערס פון דער שוהל-גאס, וואו יעדען פרייטאג פיהלט זיך בעזונדערס א לעבהאפטע מארק-בעוועגונג. א חוץ דעם פערשאפט דאס פיל שוועריגקייטען די יודישע מתפללים, וואס געהען דריי מאל אין טאג דאווענען אין שוהל און בית מדרש.

היינטיגע וואך האט זיך אויף פאדוואלניא גאס די לאגע נאך מעהר פערערגערט און צוליב די גרויסע רעגענס זעהט דארט אויס ווי א פערפלייצונג. עס געהט צו יום טוב. יודישע קרעמער נויטיגען זיך אין פדיון. דער יודישער עולם וועט וועלען געהן דאווענען און דא איז די גאס צואקערט און פינאנדערגעגראבען, אז ס׳איז פשוט אוממעגליך דארט דורכצוגעהן. ס׳איז א חוב פון די יודישע פארשטעהער, אזוי פון די יודישע ראטמענער, ווי אויך פון די דאזארעס תיכף וועגען דעם צו אינטערוועניערן, אז אולען זאל ווי אמשנעלסטען צוטרעטען אבריינינגען א מהלך פון יענער גאס און מאכן אבעקוועמן דורכגאנג אויף דער פאדוואלנע אין שוהל-גאס.

## בעשטימט א וואהל-קאמיסאר.

ווי מיר דערוויסען זיך איז אין צוזאמענהאנג מיט די קומענדיגע וואהלען צום שטאדט-ראט בעשטימט געווארען דורכ׳ן פרעזעס פון היגען קרייז-געריכט, אלס וואהל-קאמיסאר, דער ריכטער ה׳ לודוויג לעסטקעוויטש.

## פון האנדווערקער קלוב

זונטאג דעם 3-טן ד. ח. איז פארגעקומען די ערשטע געמיינזאמע קאנפערענץ פון די פערוואלטונג פון האנטוו. קלוב, ראטמענער פון שטאדט ראט זיין פערוואלטונגס און ראט-מיטגלידער פון דער קהלה געווידמעט די שטאדט-ראט וואהלען, וועלכע דארפען אין די נאהנטסטע צייט פארקומען.

אויף דער זיצונג זענען נאך דעבאטען אנגענומען געווארען פאלגענדע בעשלוסען:

1) דאס שאפען פון וואהל-קאמיטעט וועלכער דארף אנפיהרען מיט דער גאנצער וואהל-אקציע. אין וואהל-קאמיטעט גייען אריין די פערוואלטונג פון קלוב ווי אויך צו 2 פארשטעהער פון יעדען פאך.

2) בעשטייערען יעדען פעראיין מיט׳ן ספעציעלען וואהל-פאנד-שטייער, וועלכער דארף דורך די פארשטעהער איינגעמאנט ווערן נאך אין פערלויף פון די וואך.

3) אויסארבייטען די קאנדידאטען-ליסטע, וועלכע דארף פארגעשטעלט און אקצעפטירט ווערען אויף א פולען פלענום פון וואהל-קאמיטעט.

4) איינארדנען וואהלמיטינגען מיט היגע, ווי אויך איינגעלאדענע פארשטעהער פון צענטראלען האנדווערקער-פערבאנד.





כשר לפסח

KUNEROL

איז גאראנטירטער ריינער שפיין-פעטס פון קאקאסניס

ווערט אויסגעארבייט אונטער דער השגחה פון הרב ר׳ שמואל טהרענפעלד פון מאטטערסבורג מיט׳ן הסכם פון הרב ר׳ אברהם צבי פערעלמוטער אין ווארשא.

## באנקעט פון דער קרעדיט-קאאפעראטיוו פאר האנדעל און מלאכה צוליב דעם 25 יעהריגען יובל.

זונטאג דעם 9 27/3 אבענד, איז אין גרויסען זאהל פון דער געזו. באנק פשעמיסלאוויצוב, פארגעקומען א באנקעט לכבוד דעם 25-יעהריגען יובל פון דער יודישער קאאפעראטיווער באנק. אויפ'ן באנקעט, וואס איז איינגעארדענט געווארען דורך די פארשטעהערשאפטען פון דער קאאפעראטיוו, זענען אנוועזענד געווען מיטגלידער און בארשטעהער פון די ארטיגע אינסטיטוציעס. צווישען די געסט האבען זיך אויך געפונען די חשוב'ע דעלעגאטען פון ווארשא און פראווינץ, וועלכע זיינען געקומען ספעציעל אויף דער אקאדעמיע.

די בעגריסונג'ס-רעדעס פון די ה"ה: פראפ. ד"ר שיצער, יחיאל פרענקעל, פ אפ. מושקאטבליט אינזש. שאשקעס; רעד. פראוואלסקי און רעיענט ראגורסקי האבען מיט זייער רייכען אינהאלט, וואס איז געווען דורכגעפלאכטען מיט השכלה, משלים און אייראפעאישען וויץ — ארויסגערופען אלגעמיינע צופריעדענהייט.

א גוטען רושם האבען אויך געמאכט די טאאסט-רעדעס פון די ה"ה: דיר. דארפמאן, יעקב דיאמענט, מ. בלומאן, דיר: מ. פרענקעל, דיר. פוקס, קאטליאר דיר. מערין, מאגנישעווסקי, דיר. פ פרענקעל, יצחק גרין, דיר. ד. פרענקעל. בזונדערס סימפאטיש האט זיך אויסגעצייכענט די שטימונגספולע רעדע פון פרעזעס פון האנדווערקער-קלוב ה' בריליאנט.

די פ ר ו י ע ן: קאנקוס, מושקאטבליט און פרענקעל האבען אויף א פראכטפולען אופן איינגעארדענט דעם באנקעט, ערפילענדיג מיט פיל פערשטענדניש און טאקט זייערע ווירטשאפטליכע עהרען-פליכטען.

געווירלט די געסט מיט שעהנע געזאנגען און לידער האט דער שנעל-אימפראוויזירטער חאר, אין וועלכען עס האבען אנטייל גענומען, פריילינס: ביאלסקי, פאפעלבוים, ויידענוועבער, אינז. שטילער און מאגיסט. סאלבע. פיל מיטגעווירקט אין דער אימפאזאנטקייט פון באנקעט האבען די ה"ה: משה ראזענבערג, יהושע שטיינמאן, יעקב דיאמענט און א. מאנדעלקארן.

דער באנקעט האט זיך פערענדיגט 4 אזייגער ביינאכט און אלע אנוועזענדע זענען זיך פונאנדערגעגאנגען אין א זעהר געהויבענער שטימונג.

ד. פ—ל.

## ק א מ ו נ י ק א ט.

די ראדאמער סטאראסטווע קאמוניקירט:

צוליב דעם וואס קירצליך קומט פאר דער פאבאר פון יאהר-גאנג 1906 ווערט דערמאנט די אלע פערזאנען וועלכע בעמיהען זיך מ'זאל זיי פראלאנגירען אויף א געוויסע צייט דאס מיליטער-דינסט, דאס זיי דארפען ביילעגען דאקומענטירטע ביטעס אין דער סטאראסטווע פון 15-טען לוטי אן ביז א טאג פארן שטעהן פאר דער פאבארקאמיסיע. אין פאל ווען נאך די פאבארקאמיסיע ענטשטעהט א סבה, וואס צווינגט די מיליטער-פליכטיגע צו בעטען אזא פראלאנגאט, דארפען זייערע ביטעס אריינגעטראגען ווערען נישט שפעטער ווי פון 4 וואכן נאכדעם ווי זיי דערוויסען זיך פון די פערהעלטנישען, וועלכע צווינגען זיי אייבצוקומען מיט בקשות אויף אפצולעגען דעם טערמין פון מיליטער-דינסט.

ביטעס וועגען פערלענגערען „אדראטשעניעס" ברויכען אריינגעטראגען ווערען שפעטסטענס ביז'ן 20 טען ה. י. דאמאלס ווען עס ענדיגט זיך דער טערמין פון די פון פריהער צוגעטיילטע „אדראטשעניעס". נישט בערעכטיגטע ביטעס, ווי אייך די וואס וועלען זיך נישט צופאסען צו די אויבענאנגעוויזענע טעדמינען פערלירען די רעכט אויף צו בעמיהען זיך צו בעקומען א „אדראטשעניע".

## וועגען א דראמאטישען-קרייז.

א גרופע פערזאנען זענען צוגעטרעטען צו דער גרינדונג פון א דראמאטישען-קרייז. וועלכער וועט זיין אנגעשלאסען ביי דער געז. „טאז". אין צוזאמענהאנג מיט דעם פאדערט אויף די ארגאניזיר-קאמיסיע אלע פערזאנען, וועלכע האבען אמאל אנטיילגענומען אין בעסערע ארגאניזירטער דראמ. קרייזען, צו פערשרייבען זיך אלס מיטגלידער, אין דעם שוין דערמאנטען דראמ. קרייז. דאס פערשרייבען קומט פאר אין לאקאל פון פריזיר-אנשטאלט (ביי וו. גרינשטיין).

## גרויסער פראצעס אין ראדאם.

שוין 10 טעג קומט פאר אין ראדאמער קרייז-געריכט א פראצעס געגען עטליכע אינזשיניערען און דירעקטארען פון דער ראדאמער באהן-דירעקציע, וועלכע זענען אנגעקלאגט געווארען אין מיסברויכען בעת דער עקספלואטאציע פון א וואלד-געגנד, וועלכע איז אפגעקויפט געווארען דורך דער ראדאמער באהן-דירעקציע.

אויף די בעשולדיגונגס באנק זיצען: אינז. מיכאלאווסקי (א יוד) קאלינסקי געוו. דירעקטאר פון די פינאנץ אבטיילונג אין די באהן-דירעקציע, אינזש. העניקאווסקי, פיאנטקאווסקי, אדוו. שטשאווינסקי, דירעקטאר פון דער יורידישער אבטיילונג אין דער באהן-דירעקציע. מיטרעטען ארויס 2 פראקוראטען. די אנגעקלאגטע ווערען פערטיידיגט פון ווארשאווער און ראדאמער אדוואקאטען. דער אורטייל ווערט ערווארט ארום שבת.


# 1922 — 1927

*Stow. Pomocy Stud. Żydom „Auxilium Academicum Judaicum" w Radomiu.*

**Z okazji 5-cio letniego istnienia urządza we wtorek dnia 19 kwietnia b. r. o godzinie 9 wiecz. w lokalu ZWIĄZKU KUPCÓW Lubelska 18.**

## TANECZNĄ WIECZORNICĘ TOWARZYSKĄ

**( z atrakcjami )**

Bufet słodki świąteczny!

**Bilety załącza się do zaproszeń.**

**Bilety nie zwrócone do dnia 18 kwietnia b r. (Kurower Lubelska 1) będą uważane za nabyte!**

*Wejście tylko za okazaniem zaproszenie!*

**Bilety w cenie zł. 2.**



**Dr med.**

# F. ŻABNER

(choroby kobiece i akuszerja)

**RADOM, UL. LUBELSKA 33**



# OGŁOSZENIE.

W celu umożliwienia PP. Odbiorcom Elektrowni szerokiego stosowania prądu elektrycznego do użytku domowego (czajniki, rondelki, piece, żelazka, odkurzacze, froterki, lodownie, pralnie elektryczne i t. p.) Zarząd Elektrowni Radomskiej będzie stosował od 1 kwietnia r. b. **taryfę ulgową 37 groszy za 1 kilowatogodzinę** (50 % opustu względem taryfy normalnej) do nadwyżki miesięcznego zużycia tegoż miesiąca 1926 roku.

PRZYKŁAD: w kwietniu roku 1926 zużyto — 10 kwg.
w kwietniu roku 1927 „ — 15 kwg.
co daje nadwyżkę 15 — 10 = 5 kw., — zgodnie z podwyższem
10 kwg. obliczy się po 75 gr. = 7.50
5 kwg. obliczy się po 37 gr. = 1.85
Razem . . . 9.35

W ten sposób P.P. Odbiorcy będą mieli możność nietylko otrzymać tanio prąd elektryczny do grzejników i innych aparatów elektrycznych lecz również tanio płacić za zwiększone oświetlenie.

Obliczenie rabatu będzie dokonywane oddzielone za każdy miesiąc przy regulowaniu rachunku.

**UWAGA:** 1. W razie łączenia się lokatorów na 1 licznik, rabat wypłacany nie będzie.
2. Ulgowa taryfa nie będzie stosowana do urządzeń przemysłowych.

דעם עכטען

# SIROLIN
«ROCHE»

קען מען ווידער בעקומען
אין אלע אפטייקען אין פוילען
צום פרייז 6,50 זל.

---

## בשורה-טובה!
## פאקוסט-פאבריק
## פירמא „זלאטא„

פאבריצירט דעם בעסטען
פאקוסט פון ריינעם לאן-אייל,
העל, קלארירט, גווארענטירט
— רעיעלע בעהאנדלונג
גינסטיגע בעדינגונגען —
דעריפער פאדערט נאר פאקוסט
פון דער פאבריק „זלאטא"

---

## Kielecki Bank Dyskontowy
spółdz. z org. odpow.
Rynek 19 tel. 196 a/b Rk. P. K. O. 101-189

ערלעדיגט ווי ביז היינט אלערליי באנק אפעראציעס:
אינקאסע פון וועקסלען, פראטעסטען, ווערט-פאפירען א. ז. וו.
נעמט אן וקלאדען קורץ און לאנג טערמיניגע ווי אויך אפשפארונגען
נעמט אויך ווייטער צו איינצאהלונגען פאר באלייכטונג פאר די קעלצער
עלעקטראוניע. די איינקאסירטע געלדער ווערן אין זעלבן טאג אויסגעצאהלט
די באנק איז אפען פון 8,30 ביז 18,30 אהן הפסקה.

## די פערוואלטונג.

---

## ד"ר י. לעוויד

ספעציאליסט פון אויגען קראנקהייטען האט זיך בע-
זעצט אין קיעלץ, אויף באדזענטינער גאס № 39
און נעמט אן פון 10 ביז 12 מיטאג און פון
4 ביז 7 אוונד.

---

שאקאלאד-פאבריק

## OPTIMA
S. A.

אין קראקא
ארבייט אויס ווי אין די פריערדיגע יאהרן
אויך דאס יאהר

## שאקאלאד
## כשר לפסח

אינטער די איפזיכט
פון ראבינאט.

---

כשר לפסח

# צערעס
## שפייזעפעט



**CERES Tłuszcz Jadalny**

ווערט אויסגעארבייט אונטער דער שטרענגער השגחה פון הרב **שמחה פרענקעל**
מסקאווינא און קען עמפפאהלן ווערן מיט רוהיג געוויסן פאר אלע פרומע יודען.
**די צערעס-שפייזעפעט** האט זיך א דאנק איהר ערשטקלאסיגע קוואליטעט
ערווארבען א בעליבקייט ביי אלע בעל-הבית'טעס.
ביים איינקויפען פערלאנגט נור **„צערעס"** און גיט-צוריק נאכמאכונגען.

**SATURNIA S. A. Warszawa**

---

## וואָרנונג!



עכט נור אין דער דאזיגער פארפאקונג.

צוליב דעם וואס ס'האבען זיך אין פערקויף בעוויזען פרעפאראטען, וועלכע
מאכען נאך אונזער מיטעל געגען שווייס **SUDORYN**
און וועלכע'ס נאמען אונטערשיידעט זיך נור מיטן ענדערען פון אייצעלנע
אותיות, ווארנען מיר דאס ג. פובליקום, אז דאס עכטע שוין פון א האלבען
יאהר הונדערט בעקאנט.

# SUDORYN Z SITKIEM

ווערט אויסגעארבייט נאר אין מיין לאבאראטאריום, אויף וועלכען איך בעט
ביים איינקויפען

## אכטונג צו געבען.

גלייכצייטיג ווארען איך די געוויסענלאזע נאכמאכער, אז מיין מיטעל איז
פאטענטירט, און יעדע נאכמאכונג וועל איך געריכטליך פערפאלגען.

*Fabryka Chemiczno-Farmaceutyczna.*

## „Ap. KOWALSKI"
w WARSZAWIE.

---

**IGNASIOWI i TADKOWI ROZENFELDOM z powodu przedwczesnego zgonu BRATA ich**

# LOLKA

**wyrazy najgłębszego współczucia składają**

*Heniek, Selim i Mojżesz.*

---

## בעקאנטמאכונג.

איך מאך בעקאנט דאס ג. פובליקום, דאס איך האב געעפענט
א פאטאגראפישען אנשטאלט, און איך פיהר אויס אלע
פאטאגראפישע אויפנאהמען. רעיעלע בעהאנדלונג. קומט און איבערצייגט אייך.

מיט אכטונג **אלעקסאנדער לאנדער**

קעלץ, שענקעוויטש גאס 29.

Redaktor i Wydawca Ch. M. Herc — Odbito we własnej drukarni adom Szwarlikowska № 20